**די פֿאָלקספּאַרטיי־פּראָגראַם פֿון דעם אייראָפּעיִשן פֿאַריין אין די וואַלן צו דעם אייראָפּע־פּאַרלאַמענט 20סטן מייַ ביז 7טן יוני.**

די פֿאָלקספּאַרטיי איז געווען די ערשטע זיך צו באַשטימען פֿאַר אַ שוועדישער מיטגלידשאַפֿט אין דעם אייראָפּעיִשן פֿאַריין און זינט דעם האָבן מיר געקעמפֿט פֿאַר דער אייראָפּעיִשער מיטאַרבעט. מיר גלייבן אין אייראָפּע !

**יאָ צו אייראָפּע.**

די מיטאַרבעט אין אייראָפּע מאַכט שוועדן רייַכער, אונדזערע סבֿיבֿה זיכערער און גיט אונדז אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרענטפֿערן פּראָבלעמען וואָס האָבן צו טאָן מיט גרענעץ־אַריבערגאַנגען. פֿרידן, אַ גוטע סבֿיבֿה, זיכערקייט און וווּקס קענען מיר בעסער צולייגן דורך דער מיטאַרבעט אין דעם אייראָפּעיִשןפֿאַריין.

די עקאָנאָמישע קריזע שלאָגט איצט קעגן גאַנץ אייראָפּע. פֿאַר אַן עקספּאָרטלאַנד ווי שוועדן איז עס עקסטראַ וויכטיק אַז דער האַנדל און די מיטאַרבעט אין אייראָפּע פֿונקציאָנירט. די פֿאָלקספּאַרטיי זאָגט יאָ צו דעם אויראָ. זי זאָגט יאָ צו מער מיטאַרבעט פֿאַר זיכערעם עסנוואַרג. און זי זאָגט יאָ צו אַן אייראָפּעיִשן **פֿ ב יי** צו באַקעמפֿן שווערע פֿאַרברעכנס.

**די פֿאַרברעכנס בלייַבן ניט שטייען ביי די גרענעצן. מיר זאָגן יאָ צו אַן אייראָפּעיִשן פֿ ב ייַ.**

פֿאַרברעכנס מיט צעצווייַגונגען אין אַ סך פֿאַרשיידענע לענדער איז אַ פּראָבלעם וואָס ווערט גרעסער און גרעסער, אין שוועדן און אַנדערע לענדער אין אייראָפּע. מענטשלעכער שקלאַפֿן־האַנדל, נאַרקאָטיקע־שמוגל און טעראָריזם זענען משלים פֿון אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַרברעכנס וואָס ווערן דורכגעפֿירט מיט מאַפֿיע־מעטאָדן. צו שליסן די גרענעצן איז קיין אַלטערנאַטיוו.

אַנשטאָט דעם מוזן פּאָליציי, צאָל און פּראָקוראָרן אין די מיטגליד־לענדער קריגן גרעסערע מעגלעכקייטן פֿאַר מיטאַרבעט און אויסטוישן אינפֿאָרמאַציע איבער די גרענעצן.
דערפֿאַר מוזן מיר האָבן אַ שותּפֿדיקע אייראָפּעיִשע פָּליציי מיט גרעסערע אויטאָריטעט.

**מיר ווינטשן זיכערע עסנוואַרג אין גאַנץ אייראָפּע.**

אַלע בירגער מוזן מאַכן אייגענע באַשלוסן ווייניקסטנס אין דער פֿראַגע וועגן דעם אייגענעם עסנוואַרג. הייַנטצוטאָג איז עס אַ לאַנגע קייט פֿון דעם אַקער און דעם שייַער ביז צו דעם קראָם.

צו וויסן וואָס מיר עסן פֿאָדערן מיר קלאָרע דעקלאַראַציעס וועגן דעם אינהאַלט אויף די פֿאַרפּאַקונגען. דער פּרינציפּ איז גלאָז קלאָר.  וואָס איז פֿאַראַן אין דעם פּעקל מוז זייַן אויפֿגעשריבן אין דעם טעקסט. וואָס איז געשריבן אין דעם טעקסט זאָל זייַן אין דעם פּעקל. ניט מער, ניט ווייניקער.

דערפֿאַר מוז דער אייראָפּעיִשער פֿאַריין אָנשאַרפֿן דעם עסנוואַרג־קאָנטראָל.

**יאָ צום אוירא.**

די פֿאָלקספּאַרטיי גלויבט אויף אַן עפֿענער וועלט מיט מער האַנדל און מיטאַרבעט אין דער עקאָנאָמיע. דער אוירא איז אַ וויכטיקער טייל פֿון דער אייראָפּעיִשער מיטאַרבעט. עס האָט זיך באַוויזן צום ווייניקסטן אין דער פֿינאַנצקריזע אין דעם האַרבסט 2008. אַנשטאָט ספּעקולאַציעס און וואַלוטע־קריזן האָבן די לענדער פֿון דעם אייראָפּעיִשן פֿאַריין באַשטייַעט צו סטאַביליזירן די מערק אויף דער וועלט.

פֿאַר געוויינטלעכע בירגער באַטייַט דער אוירא סטאַבילערע וווין־צינזן און אַ פֿעסטע וואַלוטע פֿאַר רייַזן און אימפּאָרטירטע סחורה. פֿאַר די אונטערנעמונגען מיינט דער אוירא אַ גרעסערען מאַרק און ווייניקער אונזיכערקייט בייַ אינוועסטירונגען. אַ בשותּפֿדיקע וואַלוטע מאַכט לייַכטער צו פֿאַרגלייַכן פּרייַזן. דורך דעם ווערט די קאָנקורענץ גרעסער און די פּרייַזן קענען רעדוצירט ווערן.

דערפֿאַר איז העכסטע צייַט פֿאַר שוועדן אַריבערצוגיין צו  דעםאוירא.

**דאָס קוילן־זייַערס בלייַבט ניט שטייען בייַ די גרענעצן. לאָז בייַ זיך די נוקלעאַרע ענערגיע.**

דער גרונט אין דער קלימאַט־פּאָליטיק מוז זייַן אינטערנאַציאָנאַלע מיטאַרבעט און עקאָנאָמישע קאָנטראָל־מיטלען. עס מוז קאָסטן געלט אַרויסצולאָזן טרייַבהויז־גאַזן. דער אייראָפּעיִשער פֿאַריין זאָל זייַן אַן אָנטרייַבנדיקע קראַפֿט צו צייַגן אַז עס גייט צו פֿאַרייניקן אַ גוטן עקאָנאָמישן וווּקס מיט שנעלער פֿאַרמינערונג פֿון אַרויסוואַרג.

די נוקלעאַרע ענערגיע איז אַ ריינער ענערגיע־קוואַל וואָס לאָזט ניט אַרויס קיין טרייַבהויז־גאַזן. אָן דער נוקלעאַרע ענערגיע איז עס אונמעגלעך צו דערגרייַכן הויך אויפֿגעשטעלטע קלימאַט־צילן. דערפֿאַר מוזן שוועדן און די מיטגליד־לענדער אין דעם אייראָפּעישן פֿאַריין בויען נייַע מאָדערנע נוקלעאַרע ענערגיע־רעאַקטאָרן צו פֿאַרבייַטן די אַלטע.

די פֿאָלקספּאַרטיי נעמט די קלימאַט־סכנה אויף אַן אמת. דערפֿאַר ווילן מיר באַהאַלטן די נוקלעאַרע ענערגיע.